דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

עקב

מכון
באר האמונה

בס"ד

דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם

זיך איינצושרייבען

לשה"ק
באר הפרשה
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
דער פרשה קוואל
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
Torah Wellsprings
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
Manantiales de la Torá
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
Au Puits de La Paracha
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
Le Sorgenti della Torah
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
Колодец Торы
info+subscribe@kolodetztory.com

ארה"ב: Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

בארה"ק:
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

מכון באר האמונה

יו"ל ע"י מכון באר אמונה
© 2025 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

אינהאלט

עקב

על כל מוצא פי ה' - דער וואָס גלייבט אין באַשעפער, האָט נישט קיין קשיות .... ד

כי אם ליראה את ה' - 'יראת שמים' פאַרשאַפט דעם גרעסטן נחת רוח אין הימל .... ח

ספה"ק בת עין

עוֹד נִרְאֶה לְפָרֵשׁ הַכָּתוּב עַל עִנְיַן אַהֲבָה וְשָׁלוֹם שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ נאך קען מען מפרש זיין די פסוק (והיה עקב תשמעון) אויף די ענין פון 'אהבה' און 'שלום', **כִּי אַהֲבָה נִקְרָא סוֹף** ווייל אהבה ווערט אנגערופען 'סוף', **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (במדבר כא, יד) **'אֶת וָהֵב בְּסוּפָה' הַיְינוּ וָהֵב הוּא בְּחִינַת אַהֲבָה** ווי אונז זעהן אין פסוק 'און וָהֵב איז געווען צום סוף' וואס די ווארט 'וָהֵב' מיינט 'אהבה', **כִּדְאִיתָא בַּגְּמָרָא** (קידושין ל:) אזוי ווי עס שטייט אין גמרא. **וְגַם וָהֵב גִּימַטְרִיָּא אַהֲבָה** אויך די ווארט 'וָהֵב' איז בגימ' אהבה (13). **וְגַם שָׁלוֹם נִקְרֵאת סוֹף** אויך די מדה פון שלום ווערט אנגערופען 'סוף', **שֶׁהוּא בְּסוֹף כָּל בִּרְכַּת כֹּהֲנִים** ווייל ס'ווערט דערמאנט צום סוף פון ברכת כהנים.

וְזֶהוּ מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁל וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ (ויקרא יט, יח) **שֶׁהוּא כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה** (תו"כ יט, מה) און דאס איז די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך' וואס ווערט אנגערופען א גרויסע כלל אין תורה. **וְהָעֵצָה לָזֶה** און די עצה כדי צוקומען צו די מידה פון ואהבת לרעך כמוך איז, **לָשׂוּם תָּמִיד לְלִבּוֹ** ער זאל שטענדיג לייגען צו זיין הארץ, **כִּי כּוּלָּנוּ בְּנֵי אָב אֶחָד נָחְנוּ** אז אונז זענען אלע קינדער פון איין טאטע, **בְּנֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב** קינדער פון אברהם יצחק און יעקב, **וְאַחִים אֲנַחְנוּ** און אונז זענען ברידער, **וְעַל יְדֵי זֶה יַגִּיעַ לוֹ אַהֲבָה וְשָׁלוֹם לְכָל אָדָם כְּאָחִיו** און דורך דעם וועט אים דערגרייכען אהבה און שלום צו יעדן מענטש אזוי ווי ער וואלט געווען דיין ברודער.

וְלָזֶה מְרַמֵּז הַכָּתוּב וְהָיָה 'עֵקֶב' תִּשְׁמְעוּן, און דאס איז די פסוק מרמז 'און עס וועט זיין איר וועט צוהערן צו עֵקֶב', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר תִּשְׁמְעוּן בְּחִינַת עֵקֶב** די פסוק מיינט צו זאגען מען זאל זיך צוהערן צו די בחינה פון 'עקב', **בְּחִינַת אַהֲבָה הַנִּקְרֵאת 'עֵקֶב – סוֹף' כַּנַּ"ל** וואס דאס מיינט די אויבענדערמאנטע בחינה פון אהבת ישראל ווערט אנגערופען 'עקב' (פערשט) די 'סוף' און ענד, **וְעַל יְדֵי זֶה 'וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אוֹתָם' וְגוֹ'** און דורכדעם וועט איר מקיים זיין די תורה.

וּבִזְכוּת שֶׁזְּכַרְתֶּם אֶת הָאָבוֹת און אין דעם זכות וואס איר געדענקט די אבות, **שֶׁעַל יְדֵי זֶה הִגַּעְתֶּם לִבְחִינַת אַהֲבָה וְשָׁלוֹם** וואס דורך דעם פון געדענקען די אבות אברהם יצחק יעקב זענט איר אנגעקומען צו די בחינה פון אהבה און שלום, **עַל כֵּן 'וְשָׁמַר ה' אֱלֹהֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתֶיךָ'** וועגן דעם וועט מקויים ווערן וואס די פסוק זאגט ווייטער אז השי"ת וועט אפהיטען פאר דיר די בונד און די גוטס (חסד) וואס ער האט טאקע געשוואוירן פאר דיינע עלטערן, **וְיָבוֹא מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ** און משיח צדקינו וועט שנעל קומען **בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.** **(פרשת עקב, ד"ה והיה עקב תשמעון)**

תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

פרשת עקב

על כל מוצא פי ה' - דער וואָס גלייבט אין באַשעפער, האָט נישט קיין קשיות

מיר לייענען אין דער היינטיגער סדרה (ח, ה) 'וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלוקיך מיסרך'. שרייבט דער סמ"ג (מ"ע יז) בזה הלשון: ס'איז אַ מצות עשה אויפ'ן מענטש מצדיק צו זיין אויף זיך דעם דין[א] ביי אַלעם וואָס פאַסירט מיט איהם, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט, וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלוקיך מיסרך, וכו'. אויב עפּעס איז חלילה נישט גוט פאר דעם מענטש, איז אַ מצות עשה צו

א. דער גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל האָט געטייטשט דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ח, יא) 'השמר לך פן תשכח את ה' אלוקיך': השמר לך **'פן'** (לשון ספק) - **דו זאָלסט זיך היטן פון אַ מצב וואָס קען דיר חלילה אַריינברענגען אין מח ספיקות אין אמונה.** (ספר 'תשובות והנהגות', ח"ד)

ענליך האָט געטייטשט הרה"ק רבי שלמה חיים מקוידינוב זצ"ל (געברענגט אין ספר 'אילנא דחיי') אויף דעם דערמאנטן פסוק, מיט אַ הוספה: **'השמר לך פן'** - אויב דו וועסט זיך אָפּהיטן פון ספיקות אין אמונה. **'תשכח את ה' אלוקיך'** - וועסטו געפינען דער אויבערשטערן.

עס שטייט אין ספה"ק 'דגל מחנה אפרים' (פרשתינו, און ענליך ווערט געברענגט אין ספר 'ליקוטי דברי דוד', בשם הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע) אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (י, טז) 'ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם לא תקשו עוד', **אַז אַלע קשיות וואָס אַ מענטש האָט אויף די הנהגה פונעם באַשעפער, איז נאָר אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט 'גע'מל'עט' זיין 'ערלת לבבכם וערפכם'**. אין דער מינוט וואָס איר וועט 'מל'ען' אייער ערלת הלב, וועט איר מער נישט האָבן קיין קשיות. איר וועט זיין רואיג און זיכער.

אַזוי טייטשט דער גאון רבי יוסף צבי דושינסקיא זצ"ל גאבא"ד ירושלים ('תורת מהרי"ץ', פ' עקב, ד"ה 'כי על') דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, 'כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם'. א מענטש קען האָבן חיות און שלוות הנפש, ווען **'על כל מוצא'** אויף אַלעם וואָס פאַסירט מיט איהם. זאָגט ער **'פי ה'"** - אַז עס איז פון דעם אויבערשטען. דעמאָלס הייסט ער אַ 'חי' - איינער וואָס 'לעבט'. אויף דער וועלט, ווי דער פסוק זאָגט 'וצדיק באמונתו יחיה'. מיט אמונה לעבט דער מענטש, ווייל **אמונה איז דער מעדיצין פון לעבן.**

לויט דעם קען מען זאָגן אַ כוונה אין דעם פסוק (פרשתינו י, יב) 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך **כי אם** ליראה את ה' אלוקיך' וגו'. פרעגט די גמרא (ברכות לג:) 'אטו יראה מילתא זוטרתא היא'. יראת שמים, איז דען אַזאַ **'קלייניגקייט'** וואָס משה רבינו ע"ה זאָגט 'וואָס פאַרלאַנגט שוין דער אויבערשטער פון דיר'. ס'איז דאָך זייער שווער צו זיין באמת אַ ירא שמים.

קען מען זאָגן, אַז דער פסוק וויל אונז מרמז זיין: **'מה'** - ווען איז אַלעס אַ 'קלייניגקייט'? ווען דער מענטש פאַרשטייט אַז **'ה' אלוקיך שואל מעמך'**, דער אויבערשטער פאַרלאַנגט עפּעס פון דיר, ער וויל זעהן ווי אַזוי דו וועסט דיך פירן ווען עמיצער שטערט דיך מיט אַ געוויסע זאַך. **ס'איז נישט 'דער', אָדער 'יענער', נאָר דער אויבערשטער אַליין.** ממילא, טאָרסטו נישט אַריינקלערן ווער עס שטייט אונטער די גאנצע 'פרשה', אין וועלכער דו ביזט פאַרפלאָנטערט, אָדער וועלכער באַנק באַאַמטער האָט געשיקט דעם שרעקליכן בריוו... נאָר דו זאָלסט וויסן אַז זיי זענען **אַלע שליחים פון הימל.** פון הימל וויל מען זעהן אויב דו וועסט זיך בייזערן, מ'וויל אויספּרובן ווי ווייט עס דערגרייכט דיין אמונה אין דעם אויבערשטען, און ווי אַזוי דו נעמסט אָן **מיט ליבשאַפט** אַלעס וואָס פאַסירט מיט דיר.

מ'דאַרף אָבער וויסן און גלייבן, אַז דער נסיון איז פון הימל, כדי איינצוּוואָרצלען אינעם מענטש די מדה פון בטחון, צו גלייבן אין דעם באַשעפער, טראָץ אַלע שוועריגקייטן.

אַזוי טייטשט דער 'רבינו בחיי', דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (ח, טז) 'המאכילך מן במדבר אשר לא ידעון אבותיך למען ענותך ולמען נסותך להטיבך באחריתך'. **'למען ענותך'** - אַלע שוועריגקייטן וואָס די אידן האָבן געהאַט

טראַכטן ביי זיך אין האַרץ אַז דער בוכ"ע דרייט אלעס ארום פאַר זיין טובה[ב].

הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע טייטשט (ליקוטי תורה, פרשתינו) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה

אין מדבר, זענען געווען נאָר כדי צו ברענגען זיי צו אַ נסיון - **'ולמען נסותך'**, כדי זיי זאָלן זיך געוואוינען מיט די מדה פון בטחון, און אַריינגעמען אין זייערע הערצער די אמונה אין דעם אויבערשטען.

דער 'ספורנו' זאָגט אויף דעם דערמאנטן פסוק, 'ולמען נסותך להטיבך באחריתך', אַז **דער גאַנצער נסיון איז נאָר כדי צו געבן מער שכר פאַר דעם מענטש וואָס טוטביישטיין דעם נסיון** - 'להטיבך באחריתך'.

ב. מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ איד פון ארץ ישראל וואָס האָט זיך זייער געמוטשעט אויף פרנסה, און ער האָט זיך אַוועקגעצויגן מיט זיין משפחה קיין אַמעריקע (ער האָט געהערט אַז אין אַמעריקע וואַקסן דאָלאַרן אויף דיביימער... אָבער ער זיכט זיי נאך). אויך דאָרט האָט ער שווער געאַרבעט פאַר פרנסה, און האָט קוים פאַרדינט אויף צום לעבן.

מן הבאר

דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע פלעגט זאָגן, אַז **דער וואָס גלייבט אין באַשעפער, האָט נישט קיין קשיות, און דער וואָס גלייבט נישט, וועלן תירוצים איהם נישט העלפן.** (ספר 'אם לבינה', פ' עקב)

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געזאָגט ('תורת אבות', שבת, אות קמא) אַז **'א-ל אדון על כל המעשים', איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות...**

די ספרים ברענגען אַ משל, צוויי מענטשן זענען געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר. ביידע האָבן באַקומען פונעם דאָקטאָר אַן איינשפּריץ. דער איינשפּריץ האָט ווי געטוהן פאַר ביידע, נאָר איינער פון זיי איז ליידער געווען בלינד ל"ע, האָט ער נישט געזעהן ווער עס שטעכט איהם, און נישט געוואוסט פאַרוואָס ער ווערט געשטאָכן. איז ער געווען פול מיט כעס אויפ'ן דאָקטאָר. דער צווייטער, אָבער, האָט יאָ געזעהן ווער עס האָט איהם געשטאָכן, און ממילא האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער דאָקטאָר האָט איהם געשטאָכן, און אַזוי איז ער געווען זיכער ביי זיך אַז זיין רפואה איז נאָנט.

דער נמשל איז, אַוודאי מאַכט-מיט דער מענטש יסורים וואָס זענען גורם פאַר איהם צער און ווייטאָג ל"ע, **אָבער אַ קלוגער מענטש וואָס זעהט דעם אויבערשטען אויף אַלע זיינע וועגן. ער ווייסט אַז דער צער איז פאַר זיין תועלת, און עס וועט איהם ברענגען די גאַנצע ישועה, איז ער פרייליך און ער דאַנקט און לויבט דעם באַשעפער פאַר 'די חסד' וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן.**

אין אַ טאָג איז דער מצב געוואָרן ממש אומדערטרעגליך ל"ע. ער האָט אַפילו נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם חובות פון די לעקטער, און די עלעקטריק פירמע האָט איהם געדראָט, אַז אויב דער חוב פון עטליכע הונדערט דאָלאַר וועט נישט אָפּגעצאָלט ווערן ביז אַ געוויסן דאַטום, וועלן זיי אָפּהאַקן די לעקטער. ער האָט פּרובירט צו שאַפן געלט אויף פאַרשידענע אופנים, אָבער אָן ערפאָלג, און מ'האָט טאַקע אָפּגעהאַקט די לעקטער אין זיין דירה. די משפחה איז ממש געזעסן אין דער פינסטערניש. ס'איז געווען טונקל אינערליך (אינעם געמיט) און אויסערליך... מ'קען דאָך אַפילו נישט באַקן און קאָכן, און אַזוי ווייטער.

אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט מען געהערט קלאַפּן אויפ'ן טיר. דאָס איז געווען אַ שכן וואָס האָט געוואוינט אונטער זייער דירה, אַ איד אַ נגיד. ער איז געקומען פרעגן וואָס עס האָט פּאַסירט, אַז ביי איהם איז נישט דאָ קיין לעקטער אין אַ האַלבע דירה. נאָכ'ן מברר זיין די זאַך, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ העלפט פון די עלעקטרישע קראַפט אין דער וואוינונג פון דעם רייכן שכן, ווערט גאָר געצויגן פון דער דירה פונעם אָרימען שכן... ווייל אין די פריערדיגע יאָרן האָט דאָס גאַנצע הויז געצויגן עלעקטריק פון איין אָרט, און ערשט שפּעטער האָט מען צעטיילט די דירות, אַזוי אַז די עלעקטרישע קראַפט ביי דעם עושר, קומט נאָך אַלץ פון דער דירה פונעם אָרימען שכן...

ווען דער רייכער שכן האָט זיך געכאַפּט אַז שוין עטליכע יאָר נוצט ער די עלעקטריק וואָס דער אָרימער שכן צאָלט דערפאַר... האָט דער עושר - צוליב רחמנות אויף זיין אָרימען שכן - אַרויסגענומען 20 טויזנט דאָלאַר מזומנים, און עס דערלאַנגט פאַר דעם שכן. עס איז פלוצלינג געוואָרן 'אורה ושמחה וששון ויקר' ('אורה', מיט ביידע פירושים...).

(ח, ג) 'ויענך וירעיבך ויאכילך את המן אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך, למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם, כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם'. דער מן איז געווען אַ חשוב רוחניות'דיג מאכל, אַזוי ווייט, אַז חז"ל (יומא עה:) באַצייכענען עס אַלס 'לחם שמלאכי השרת אוכלין אותו'. פונדעסטוועגן, איז דער מן געווען גערעכנט אין די אויגן פון די אידן אלס אַ פייניגונג און אַ הונגער - 'ויענך וירעיבך', ווי די אידן האָבן געזאָגט (במדבר כא, ה) 'ונפשינו קצה בלחם הקלוקל'.

דער טעם דערפון איז, ווי דער פסוק זאָגט דאָ, אין פרשת עקב, 'אשר לא ידעת ולא ידעון אבותיך'. געווענליך, האָבן מענטשן מער ליב אַ מאכל צו וועלכן זיי זענען געוואוינט צו עסן. אויב מ'גיט זיי צו עסן אַ מאכל וואָס זיי זענען נישט געוואוינט עס צו עסן (אויך אויב עס איז מער חשוב), האָט ער עס נישט אַזוי ליב, ווייל ער איז נישט געוואוינט דערצו (אויך דערפאַר ווייל דער מן איז געווען אַ רוחניות'דיגע מאכל, און דער גוף פון מענטש וויל דאָך נאָר עסן גשמיות'דיגע מאכלים).

דאָס קומט דער פסוק אונז לערנען: אמת אז אין דיינע אויגן זעהט עס אויס ווי די געשמאַקע מאכלים וואָס דו ביזט ביז יעצט געוואוינט צו זיי (גשמיות'דיגע מאכלים) זענען גוט, אָבער דער מן איז אין דיינע אויגן נישט גוט[ג] ('לחם הקלוקל'). עס איז ביי דיר אַ 'פייניגונג' צו עסן פון דעם מן. דער אמת איז אָבער פאַרקערט, אַז דער מן

דאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פריערדיגע 'פינצטערניש' האָט איהם גאָר 'לעכטיג' געמאַכט דעם מצב פון פרנסה אויף אַ פילפאַכיגן אופן, ווייל אדרבה, אויב ער וואָלט געהאַט די עטליכע הונדערט דאָלאַר צו באַצאָלן פאַר די לעקטער, וואָלט ער דאָך קיינמאָל נישט באַקומען דעם סכום וואָס ער האָט יעצט באַקומען. קומט אויס, אַז די פינצטערניש, האָט גאָר געברענגט די לעכטיגקייט... הודו לה' כי טוב, כי לעולם חסדו.

אַ פרוי האָט אַמאָל מזכיר געווען ביי דעם גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע, איר זון, וועלכער איז געווען אַ חולה מסוכן ל"ע. איז דער 'חפץ חיים' אַריינגעגאַנגען אין ביהמ"ד, און זיך אַוועקגעשטעלט בעטן דעם באַשעפער רחמים און תחנונים פאַר דעם חולה. ער האָט געזאָגט:

- רבונו של עולם, איך האָב אַלע מיינע יאָרן זוכה געווען אַז דו זאָלסט טוהן מיט מיר אַסאַך טובות און חסדים. דו האָסט מיך מזכה געווען צו שרייבן און אַרויסצוגעבן דעם 'משנה ברורה', 'חפץ חיים', און 'שמירת הלשון', און נאָך און נאָך חיבורים - אַלעס אַ 'מתנת חינם' פון דיר צו מיר. בעט איך פון דיר, טוה מיט מיר נאָך אַ חסד און שיק אַ רפואה פאַר דעם חולה.

מיר זעהען דאָ ביי די מעשה, אַז דער 'חפץ חיים' זי"ע האָט נישט 'גענוצט' זיינע מעשים טובים, צו זאָגן, איך האָב אַזוי פיל געטוהן פאַר דיר, איך האָב זיך באַמיהט אַרויסצוגעבן ספרים כדי מזכה צו זיין כלל ישראל מיט שמירת הלשון און קיום המצוות, און איך בעט אַלס שכר דערפאַר דו זאָלסט אויסהיילן יענעם חולה... נאָר ער האָט געבעטן אַ 'מתנת חינם', ווייל אַזוי האָט געאַרבעט דער געדאַנקען גאַנג ביי דעם גאון ישראל וקדושו דער 'חפץ חיים', צו טראַכטן שטענדיג אַז עס קומט איהם גאָרנישט, און אַלעס וואָס ער האָט, איז אַ מתנת חינם פון דעם אויבערשטען.

מיר האָבן שוין דערציילט, אַז אַ יונגערמאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען צום 'חזון איש' מיט די גוטע בשורה אַז עס איז ביי איהם געבוירן געוואָרן אַ מיידל. דאָס לשון וואָס דער יונגערמאַן האָט געזאָגט, איז געווען: 'עס **קומט** **זיך מיר אַ מזל טוב**'... האָט דער 'חזון איש' איהם געזאָגט: **'עס קומט זיך דיר... עס קומט זיך דיר'... באמת, 'קומט זיך דיר' גאָרנישט, נאָר דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט דיר אַ חסד אַז עס איז ביי דיר געבוירן געוואָרן אַ קינד למזל טוב...**

דער 'פלא יועץ' (ערך כניעה) ברענגט אַ מעשה, אַז אַ קבוצה פון צדיקים האָבן אַמאָל מתפלל געווען מיט גאָר געהויבענע כוונות. שפעטער האָט מען זיי געלאָזט וויסן פון הימל, אַז זיי האָבן טאַקע מתפלל געווען אויף אַ וואונדערליכן אופן, נאָר וויבאַלד זיי האָבן נישט געהאַט די נויטיגע הכנעה האבן זיי געדאַרפט צו באַקומען אַן עונש ח"ו, נאָר אין זכות פון איינעם פון זיי וואָס האָט געהאַט הכנעה, זיין האַרץ איז געווען אונטערטעניג צום באַשעפער בשעת'ן מתפלל זיין, זענען אַלע פון זיי גערעטעוועט געוואָרן פונעם עונש.

ג. אַ יונגערמאַן וואָס האָט ליידער פאַרלוירן זיין באַליבטן בן יחיד, וואָס איז געבוירן געוואָרן ביי איהם אַסאַך יאָרן נאָך די חתונה, און איז אַוועק פון אַ שווערע מחלה רח"ל, האָט זיך אַראָפגערעדט פון האַרצן פאַר'ן גרער

איז אַ גוט מאכל, און די גשמיות'דיגע מאכלים, וואָס דו גליסט צו עסן, זענען ווייט נישט אַזוי גוט ווי דער מן.

רבי'ן, הרה"ק בעל 'פני מנחם' זי"ע, וועלנדיג וויסן וואָס דער באַשעפער וויל פון איהם, אַז ער האָט פון איהם אַוועקגענומען אַזאַ טייערע מתנה. האָט דער 'פני מנחם' איהם געזאָגט:

מן הבאר

דער עיקר דאַרף מען זיך פאַרלאָזן נאָר אויף דעם אויבערשטען, ווי עס ווערט דערציילט (ספר 'זכור לאברהם', אין נאָמען פון אַ תלמיד) אַז אַמאָל ווען הרה"ק אדמו"ר מתולדות אהרן זי"ע איז געגאַנגען שפּאַצירן ווען ער איז געווען אויף אָפּרוה אין טבריה (אָדער אין שווייץ), האָט ער געזאָגט, מענטשן מאַכן פאַרשידענע סאָרטן פאַרזיכערונג ('אינשורענס' בלע"ז). מ'מאַכט פאַרזיכערונג אויפ'ן לעבן ('לייף אינשורענס'), אָדער אויף די דירה, אויב עס פּאַסירט אַ שריפה אָדער אַן ענליכע קאַטאַסטראָפע רח"ל. האָט דער 'תולדות אהרן' רבי זצ"ל געזאָגט, **"איך פאַרשטייט זיי"** - ווייל זיי האָבן מורא אויב עס וועט חלילה פּאַסירן אַ נישט גוטע זאַך ח"ו און זיי ווילן זיין פאַרזיכערט. ער האָט אַזוי אַרומגערעדט עטליכע מינוט אַז **ער 'פאַרשטייט' זיי...** צום סוף האָט ער אויסגעפירט:

- **איך מאַך אויך פאַרזיכערונג...**

דעם רבינ'ס באַגלייטער זענען געווען ערשטוינט צו הערן אַזעלכע ווערטער פונעם רבי'ן, אַז ער האָט אויך אַרויסגענומען 'אינשורענס'... און האָבן אָנגעשפּיצט זייערע אויערן צו הערן ביי וועלכע פירמע דער רבי האָט עס באַשטעלט. דער רבי האָט אָבער אויסגעפירט:

- **מיין פאַרזיכערונג איז 'כי על רחמיך הרבים אנו בטוחים'. דערפאַר שלאָף איך רואיג, און איך האָב נישט מורא פאַר קיין זאַך אויף דער וועלט, ווייל איך ווייס אַז אַלעס איז פאַרזיכערט דורך דעם רחמנות פון דעם אויבערשטען ברוך הוא!**

אגב, ווערט דאָרט אויך דערציילט, אַז הרה"ק מתולדות אהרן זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ חתן וואָס איז געקומען נעמען אַ ברכה פאַר די חתונה: אין משך פון דיין גאַנץ לעבן, זאָלסט האָבן אַן אָרט אָדער אַ ספּעציעלן צימער, וואו דו זאָלסט זיך אַוועקשטעלן בעטן פון דעם אויבערשטען ווען אימער דו וועסט עפּעס דאַרפן האָבן. דו זאָלסט אַרויסזאָגן דיינע ווערטער פון טיפן האַרצן, און רעדן 'בלשון נוכח': טאַטע, טאַטע, נאָר דו קענסט מיר העלפן. איך בעט דיך, העלף מיר. אויף דעם אופן וועסטו זעהן אָפענע ישועות.

- אַלס קינד, איז מיר אַמאָל אויסגעקומען אַריינצוגיין אין אַ באַנק. דאָרט האָב איך געזעהן ווי אַ איד גייט צו צום באַאַמטן פון די באַנק, און דערלאַנגט איהם אַ גרויסן סכום געלט. האָב איך רחמנות געהאַט אויף דעם איד, פאַרוואָס מ'האָט פון איהם 'אַוועקגענומען' אַזוי פיל געלט, זיינע פאַרדינסטן אויף וועלכע ער האָט אַזוי שווער געאַרבעט. דערנאָך איז צוגעקומען צום זעלבן באַאַמטן אַן אַנדערער איד, און איך האָב געזעהן ווי דער באַאַמטער גיט איהם אַסאַך געלט. האָב איך זיך געפרייט, אַז דער איד באַקומט אַזוי פיל געלט. יאָרן שפּעטער, ווען איך בין געקומען צום שכל, האָב איך פאַרשטאַנען אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן טעות. דער איד אויף וועלכן איך האָב רחמנות געהאַט, איז באמת אַ רייכער מענטש, וואָס איז געקומען אַריינלייגן זיין געלט אין דער באַנק, כדי עס זאָל ברענגען פאַרדינסטן. אָבער דער צווייטער איז באמת אַ רחמנות, ווייל דאָס געלט וואָס ער האָט 'באַקומען' אין האַנט, איז געווען נישט מער ווי אַ הלוואה וואָס ער נעמט יעצט ביי די באַנק, מיט אַ 'היתר עיסקא', און ער דאַרף צאָלן דערויף פּראָצענטן. זיין חוב וועט וואַקסן כסדר מער און מער.

- פון דעם האָב איך פאַרשטאַנען - האָט דער 'פני מנחם' ווייטער געזאָגט צו דעם צובראָכענעם איד - אַז **נישט אַלעס איז אַזוי ווי עס זעהט אויס אין די אויגן פונעם מענטש**. עס קען זיך צומאָל דאַכטן פאַר דעם מענטש אַז ער 'באַקומט', און דערווייל, האָט ער גאָר אַ גרויסן שאָדן, און אַמאָל איז פאַרקערט: ער מיינט אַז ער האָט שאָדן, ווען באמת שטעקט גאָר אין דעם 'שאָדן' אַ גרויסער פאַרדינסט.

- דאָס זעלבע איז מיט דיר. דו דאַרפסט גאָרנישט טוהן, ווייל דער אויבערשטער האָט גאָרנישט אַוועקגענומען פון דיר. דער 'ה' לקח', איז באמת אַ בחינה פון 'ה' נתן', און ממילא, דאַרפסטו זאָגן, 'יהי שם ה' מבורך מעתה ועד עולם'.

דאָס קען דינען אַלס אַ לימוד פאַר יעדן מענטש אין אַלע דורות. דער מענטש ווייסט דאָך נישט באמת וואָס ס'איז גוט און וואָס ס'איז שלעכט. אויב עס זעהט אויס אין זיינע אויגן ווי 'שלעכט' ח"ו[ד], דאַרף ער וויסן אַז באמת, אויב דער אויבערשטער האָט געברענגט אויף איהם די 'רעה', איז עס באמת נאָר אַ טובה, נאָר דער מענטש - מיט זיין קורצן שכל - מיינט אַז עס איז נישט גוט.

דאָס פירט אויס דער פסוק: 'למען הודיעך כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם'. כאָטש אין דיינע אויגן איז 'ברויט' אַ גוט מאכל, זאָלסטו אָבער וויסן, אַז נישט פון דעם שעפּט דער מענטש חיות, נאָר 'על כל מוצא פי ה' יחיה האדם'. אַלעס וואָס דער אויבערשטער האָט גוזר געווען אויפ'ן מענטש, סיי שלעכט ח"ו, און סיי גוטס, לעבט דער מענטש פון דעם מער ווי ער לעבט פון ברויט[ה].

כי אם ליראה את ה' - 'יראת שמים' פאַרשאַפט דעם גרעסטן נחת רוח אין הימל

'ועתה' ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך[ז], כי אם ליראה[ח] את ה' אלוקיך[ט] וגו' (י, יב).

ד. עטליכע חדשים נאָך דעם סוף פון די שוידערליכע צווייטע וועלט מלחמה, האָט איינער פון די פליטי חרב פון די מלחמה, זוכה געווען מיטצועסן די סעודה שבת בייטאָג, ביים גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע. אינמיטן די סעודה, האָט דער 'אמרי אמת' געפרעגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (ט, יז) 'ואתפוש בשני הלוחות ואשליכם מעל שתי ידי ואשברם **לעיניכם**'. דאָס וואָרט '**לעיניכם**' איז לכאורה איבעריג. עס וואָלט געווען גענוג צו שטיין 'ואשברם', ווייל וואָס איז דען אַ חילוק אויב משה רבינו ע"ה האָט צובראָכן די לוחות פאַר די אויגן פון די אידן, אָדער ער האָט עס צובראָכן ווען קיינער האָט נישט געזעהן...

אויך האָט ער געפרעגט אויף די גמרא (ב"ב יד:), די גמרא לערנט אַרויס פונעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (י, ב) 'ואכתוב על הלוחות את הדברים אשר היו על הלוחות הראשונים אשר שברת ושמתם בארון', אַז די ווערטער 'אשר שברת' שטייען נעבן די ווערטער 'ושמתם בארון', כדי אונז צו לערנען אַז אויך די צובראָכענע לוחות זענען געלעגן אין דעם ארון. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט אַריינלייגן אויך די צובראָכענע לוחות אין דעם ארון?

האָט דער 'אמרי אמת' זי"ע געענטפערט, ווייל מיר געפינען אַז ווען די שבטים זענען געקומען קויפן עסן ביי יוסף אין מצרים, זאָגט דער פסוק (בראשית מב, כד) 'ויקח מאתם את שמעון ויאסור אותו לעיניהם'. זאָגט רש"י אַז ער האָט איינגעזעצט שמעון'ען נאָר 'לעיניהם' - פאַר זייערע אויגן. ווען די שבטים האָבן פאַרלאָזט דעם פּאַלאַץ פון יוסף, האָט יוסף איהם אַרויסגענומען פון תפיסה, און ער האָט איהם געגעבן צו עסן און צו טרינקען. [ער טייטשט דאָס וואָרט 'לעיניהם', אַז **נאָר** 'פאַר זייערע אויגן' האָט ער איהם איינגעזעצט].

דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויף די ווערטער 'ואשברם **לעיניכם**', אַז נאָר פאַר די אויגן פון די אידן האָט עס אויסגעזעהן ווי די לוחות זענען צובראָכן געוואָרן, אָבער באמת, איז עס בכלל נישט געווען אַ 'צוברעכונג'... און צוליב דעם האָט מען געדאַרפט אַריינלייגן די צובראָכענע לוחות אין דעם ארון, ווייל **באמת, זענען זיי אויך גאַנץ**.

און דער 'אמרי אמת' האָט אויסגעפירט צו דעם אוד מוצל מאש פון די מלחמה: **דאָס איז אַ לימוד פאַר יעדע 'שבירה'. ביי יעדע צרה שלא תבוא דאַרף מען געדענקען אַז עס איז נאָר 'לעיניכם', אָבער באמת איז עס נישט קיין צרה, ווייל עס ליגט באַהאַלטן דערין אַ גרויסע טובה פאַר דעם מענטש. אַלעס איז לטובה...** (ספר 'אמרי אמת', ליקוטים, ע' קכב).

ה. דער 'חובות הלבבות' שרייבט (שער הבחינה, פ"ה) אַז אַ קבוצה מענטשן זענען געפאָרן אויפ'ן וועג, האָבן זיך אַראָפּגעלייגט שלאָפן נעבן אַ וואַנט. אינמיטן נאַכט האָט אַ הונט שמוציג געמאַכט איינעם פון זיי, און יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך אָפּגערייניגט פונעם שמוץ, און איז געווען פול מיט טענות צום רבונו של עולם, פאַרוואָס עס האָט פונקט מיט איהם פאַסירט אַזאַ שרעקליכע זאַך. ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט, און זיך געלייגט אויף אַן אַנדער אָרט. עטליכע מינוט שפּעטער, איז די וואַנט אַראָפּגעפאַלן, און די אַנדערע מענטשן וואָס זענען דאָרט געשלאָפן זענען אומגעקומען רח"ל. ער איז געווען דער איינציגער וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ו. יראת שמים, דאַרף אייביג האָבן חיזוק, און נאָך מער חיזוק פאָדערט זיך אין די יעצטיגע טעג פון 'בין הזמנים', ווען דער עולם פאָרט אויף 'וואַקאַציע'...

אַסאַך מענטשן גייען (ספּעציעל אין די טעג פון 'בין הזמנים') אין אַ 'גן החיות' ('זו' בלע"ז), צו זעהן דעם קעניג פון די חיות - דעם לייב, כדי זיך בעסער מתבונן צו זיין אין דעם פסוק (עמוס ג, ח) 'אריה שאג מי לא ייראַ'... זיך צו לערנען ווי אַזוי מ'קען מקיים זיין דאָס וואָס עס שרייבט דער מחבר אין שולחן ערוך (או"ח סי' א') 'יתגבר כארי'... ס'איז אָבער פּשוט, אַז מ'קען געניסן פונעם לייב נאָר ווען ער איז פאַרמאַכט אין זיין שטייג ('קעידזש'), אָדער ווען ער איז צוגעבונדן מיט שטריק, אָבער אויב דער לייב זאָל חלילה ווערן 'פריי' פון זיין 'אַרעסט', און ער וועט זיך אַרומדרייען פראַנק און פריי אָן אַ שטריק וואָס טוט איהם צובינדן, קען ער דאָך חלילה פאַרציקן יעדן וואָס וועט איהם אַנטקעגן קומען, ה' ירחם...

צוליב דעם איז 'אריה' - אַ לייב, דער 'מזל' פון חודש אב, ווייל אַ תועלת און ריווח קען דער מענטש האָבן פון חודש אב, און פון זיין 'וואַקאַציע', נאָר אויב ער נעמט אויף זיך דעם עול פון תורה און מצוות, און ער האַלט זיך מיט גדרים און סייגים פון יראת שמים, האָט ער אַ פאַרדינסט פון זיין וואַקאַציע און 'מנוחת הנפש', אָבער אויב חלילה נישט... זאָל מען אָפּגעהיטן ווערן פון די סכנות וואָס קענען באַדראָען דעם מענטש ח"ו, ספּעציעל אין 'בין הזמנים'.

אין בעלזא, איז דער מנהג אַז יעדן 'יומא דפגרא', זאָגט מען נישט די די תפילה 'רבונו של עולם' וכו' נאָך די פרשה פון די עקידה. אַמאָל אין אַ יומא דפגרא, האָט איינער פון די מתפללים אויסגערופן ביים מנין פון בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע (יומא דהילולא, כ"א אב), 'היינט זאָגט מען נישט 'רבונו של עולם'...'. האָט דער קודש הקדשים, דער בעלזער רב זי"ע, איהם באַלד פאַרראַכטן:

- זאָג נישט אַזוי, נאָר זאָגט, אַז היינט זאָגט מען נישט די 'ונאמר'ס'... (אין יענע תפילה, ווערן דערמאנט אַסאַך פסוקים, און פאַר יעדן פסוק וואָס מ'זאָגט דאָרט, זאָגט מען 'ונאמר').

דער לימוד פון דעם וואָרט פון בעלזער רב פאַר אונז איז, די וואַקאַציע-טעג זענען דאָך אַזוי ווי אַ 'יומא דפגרא'. עס זענען דאָ מענטשן וואָס ביי זיי איז דעמאָלס אַן אַנדערער 'סדר' ווי אַ גאַנץ יאָר. דער 'ונאמר' איז נישט דער זעלבערווי אַ גאַנץ יאָר... אַ איד טאָר אָבער נישט זאָגן, היינט איז נישט דאָ דער 'רבונו של עולם' ח"ו, נאָר ער דאַרף געדענקען אַז דער באַשעפער געפינט זיך מיט איהם אין יעדע צייט און איבעראַל, אין יעדן אָרט. 'למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו'.

מן הבאר

איינער פון די צדיקים האָט געזאָגט, אַז פונקט אַזוי ווי ס'איז דאָ די באַקאַנטע סגולה פאַר פרנסה, פון הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, צו זאָגן '**פרשת המן**' יעדעס יאָר **דינסטאָג פרשת בשלח** (וואו עס שטייט אין די תורה די פרשה פון מן), איז אויך אַ גרויסע סגולה צו לייענען די **פרשה פון יראה** ('ועתה ישראל') **דינסטאָג פרשת עקב**, אַז מ'זאָל זוכה זיין צוצוקומען צו יראת שמים.

קען מען זאָגן בדרך מליצה (וואָס איז אַן אמת...) אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא וועגן דינסטאָג פרשת עקב... נאָר **עס איז אייביג אַ גרויסע 'סגולה'**, זוכה צו זיין איינצואווארצלען יראת שמים אין האַרץ, אַז מ'זאָל לייענען די פרשה פון יראה ('ועתה ישראל' וגו') 'שנים מקרא ואחד תרגום'. דאָס מיינט, מ'זאָל גוט אַדורכלערנען די פסוקים וואָס רעדן וועגן מורא האָבן פון באַשעפער, איינמאָל און נאָך אַמאָל, ביז עס וועט גוט אַריינגיין אין האַרץ, און **דעם 'תרגום' דערפון, קען יעדער איינער אויסטייטשן לויט זיין אייגענעם ענין...**

דער ביקסאַדער רב, הרה"ק רבי אליעזר פיש זצ"ל הי"ד, זאָגט אין ספר 'שם אליעזר' (ח"א, אבות פ"ג), אַז דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון דעם הייליגן תנא עקביא בן מהללאל (אבות פ"ג, מ"א), 'הסתכל **בשלשה דברים** ואין אתה בא לידי עבירה'. דער תנא מיינט צו זאָגן, אַז דער מענטש דאַרף קוקן 'בשלשה דברים' - אויף די **דריטע סדרה** (עקב) **פון חומש דברים**, וואו עס שטייט די פרשה פון יראת שמים: 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך'. דורך דעם וועט ער אָפּגעהיטן ווערן פון אַן עבירה.

מ'דערציילט בדרך צחות, אַ איד איז געווען דער חזן אין אַ באַקאַנטע קהילה. איין יאָר פאַר די ימים נוראים, האָט דער חזן געזאָגט צום רב פון די קהילה: 'לכבוד די קומענדיגע ימים נוראים הבעל"ט, האָב איך מחבר געווען **אַ נייעם 'רבונו של עולם'** (צו זינגען ביי 'פתיחת הארון', מיט אַ נייעם ניגון וואָס ער האָט פאַרפאַסט). האָט דער רב איהם געזאָגט:

- גיב אַכטונג, ווייל נאָך איידער דו, אַלס חזן, מאַכסט אַ נייעם 'רבונו של עולם', קען דער רבונו של עולם מאַכן אַ נייעם חזן...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אַ איד דאַרף שטענדיג געדענקען, דער רבונו של עולם געפינט זיך אייביג מיט אונז. ער האָט זיך גאָרנישט געטוישט ח"ו, ווי דער פסוק זאָגט (מלאכי ג, ו) 'אני ה' לא שניתי'.

אגב, ס'איז באַקאַנט אַז דער גאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל פלעגט זאָגן פאַר בחורים און יונגעלייט, זיי זאָלן נעמען אויף זיך אַ געוויסן לימוד אין די טעג פון 'בין הזמנים' (אַ געוויסע מסכתא, אָדער אַ סוגיא), כדי זיי זאָלן האָבן דעם עול פון תורה אויך אין די טעג פונעם 'בין הזמנים'.

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע (יומא דהילולא, כ"ו אב) האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער אויבערשטער מיט זיין גרויסן חסד, האָט ספעציעל באַשטימט די 'וואַקאַציע' פון 'בין הזמנים' אין די וואָכן ווען מ'לייענט די פרשיות פון חומש דברים, ווייל אויב די וואַקאַציע וואָלט באַשטימט געוואָרן אין די אַנדערע טעג פונעם יאָר, וואָלטן אידן געדאַרפט מיטנעמען גאָר אַסאַך ספרי מוסר און חסידות, כדי צו קענען לערנען דערין ווען מ'געפינט זיך אויף וואַקאַציע, אָבער בחסדי השי"ת האָט ער געמאַכט די זומער-וואַקאַציע אינמיטן סדר דברים, און מיר האָבן דאָך נישט אַזאַ 'מוסר ספר' ווי 'משנה תורה', און ממילא, פעהלט נישט אויס צו שלעפן אַ גאַנצע 'ספרים שאַנק' צום וואַקאַציע-אָרט...

אַז מ'רעדט שוין פון לימוד התורה יעדע פרייע מינוט, איז דאָ אין פלאַץ צו דערמאַנען וואס דער גאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל, ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אין ווילנא אין יאָר ת"ש (איידער ער איז אַרויפגעקומען קיין ארץ ישראל) איז זיין טאַטע אומגעקומען רח"ל, און דער גאון רבי חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל, מחבר פון 'אחיעזר', איז געקומען איהם מנחם אבל זיין. רבי חיים עוזר האָט איהם דאַן געזאָגט, אַז אויך ער האָט פאַרלוירן זיין בת יחידה ל"ע אין יונגען עלטער פון בלויז 20 יאָר, **ומה נאמר ומה נדבר... 'לולי תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי'** (תהלים קיט, צב). [ער האָט זיך געשטאַרקט מיט לערנען די הייליגע תורה].

זינט דאַן, יעדעס מאָל ווען הרב שך איז אַריינגעקומען אין הויז פון רבי חיים עוזר אין ווילנא (ווי באַקאַנט, איז דאָס הויז פון רבי חיים עוזר געווען אַ 'בית ועד לחכמים' אין ווילנא, זייענדיג דער גדול הדור בתורה ובהנהגה), האָט רבי חיים עוזר איהם געזאָגט:

- ר' שך, ר' שך (אַזוי פלעגט ער איהם רופן), **לולי תורתך... לולא תורתך...**

הרה"ק בעל 'פני מנחם' מ'גער זי"ע, שרייבט אין אַ בריוו (ביים אָנהייב פון זיין ספר, וואָס הייסט טאַקע אויך 'תורתך שעשועי'), בזה הלשון: מיין זון, הגה"ח רבי יהודא אריה זצ"ל, איז אַרויפגערופן געוואָרן לישיבה של מעלה אין עלטער פון 27 יאָר, און איך בין געוואָרן נישט געזונט ל"ע פון גרויס ווייטאָג און צער. מיט דעם אַלעם, אויך ווען איך ביןליידער געווען נישט געזונט ל"ע און עס איז מיר געווען שווער פאָרצולערנען די שיעורים כסדרן, האָב איך זיך משתדל געווען ווי ווייט מעגליך פאָרצוזעצן אַמווייניגסטענס מיט די קורצע שיעורים, און איך האָב מקיים געווען ביי מיר דעם פסוק '**לולי תורתך שעשועי**' וגו', ובעזרת השי"ת, ברוב חסדי השי"ת, בין איך צוריקגעקומען צו זיך, עכ"ל.

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, האָט געזאָגט (געברענגט אין 'ליקוטי אמרים', אות סג): ווען דער מענטש האָט אַ **קליינע דאגה**, איז די עצה פאַר איהם ער זאָל לערנען **איין בלאַט גמרא**, און אויב ער האָט אַ **גרעסערע דאגה**, זאָל ער לערנען **צוויי בלאַט גמרא**, און ווען ער האָט אַ דאגה וואָס ס'איז איהם שוין **אוממעגליך אויסצוהאַלטן**, זאָל ער לערנען **דריי בלאַט גמרא**, און דאַן וועט ער זיך קענען שטאַרקן אויף אַלע זיינע שוועריגקייטן.

הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט געזאָגט אַ טעם פאַרוואָס מ'לייענט די עשרת הדברות שבת נחמו, וויבאַלד אין תשעה באב טאָר מען דאָך נישט לערנען, און ממילא, איז דאָ אַ חשש פון 'אם תעזבני יום, יומיים אעזבך' (ירושלמי ברכות פ"ט ה"ה, פון מגילת סופרים), אַז מ'זאָל זיך נאָך מער דערווייטערן פון לימוד התורה. וועגן דעם לייענט מען שבת חנמו די עשרת הדברות, צו זיך שטאַרקן פונדאַסניי אין דעם ענין פון התמדה בתורה.

עטליכע בחורים האָבן אַמאָל געזעהן איינעם פון זייערע ראשי ישיבה, ווי ער קוקט אַריין אין ספר 'קצות החושן', האַלטנדיג אין האַנט אַ קאַלטן גלאָז 'קאָלאַ'... איז איין 'אויבער חכם' צוגעגאַנגען און געפרעגט דעם ראש הישיבה: **אַזוי לערנט מען 'קצות'?...** האָט דער ראש ישיבה איהם געענטפערט: **אַזוי טרינקט מען 'קאָלאַ'...**

ער האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אויך אויב דער מענטש שפירט אַז יעצט דאַרף ער 'טרינקען קאָלאַ'... ער וויל

זיך אַביסל 'אָפּרוהען', און זיך אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר, זאָל ער געדענקען ווי אַזוי מ'טוט עס: 'תורתי אל תעזובו'...

עטליכע בחורים האָבן אַמאָל געוואָלט פאָרן צום ים צו שווימען, זענען זיי געגאַנגען צו זייער ראש ישיבה, דער גאון רבי בן ציון אבא שאול זצ"ל, און איהם געזאָגט, 'נאָך וואָס דען האָט דער אויבערשטער אונז **געגעבן דעם ים**, אויב נישט כדי מיר זאָלן זיך קענען הנאה האבן דאָרט'... אויף'ן אָרט האָט רבי בן ציון אבא שאול זיי געענטפערט:

- **'געגעבן', האָט ער אונז די תורה... דעם ים, האָט ער באַשאַפן...**

אַוודאי קומען מיר נישט דאָ זאָגן פאַר עמיצן דיעות צי ער זאָל יאָ אָדער נישט שווימען אינעם ים, אָבער מיר דאַרפן גוט געדענקען, וואָס דער אויבערשטער האָט אונז 'געגעבן', און וואָס ער האָט 'באַשאַפן'... **וואָס ס'איז דער תכלית פון אַ איד אויף דער וועלט: 'כי לכך נוצרת'...**

דער סקולענער רבי זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט וועגן 'בין הזמנים', צי דען **איז דאָ אַ מענטש וואָס האַלט זיך צוריק פון עסן אַ גאַנצן חודש צייט...** און ממילא, ווי אַזוי קען מען מפסיק זיין פון לערנען די הייליגע תורה, וואָס איז דער מקור פון אונזער חיות אויף דער וועלט, 'כי הם חיינו ואורך ימינו'... 'כל הפורש מדברי תורה, כפורש מן החיים'...

דער גאון רבי ברוך בער לייבאָוויץ זצ"ל פון קאַמעניץ, מחבר פון 'ברכת שמואל', האָט אַמאָל געהערט ווי אַ דרשן זאָגט, אַז די הייליגע תורה איז ממש אַזוי ווי **לופט צום אָטעמען**. האָט רבי ברוך בער זיך צעשריגן און געזאָגט: 'ניט גוט... ניט גוט'... און ער האָט ערקלערט, די הייליגע תורה איז נישט 'לופט צום אָטעמען', נאָר ס'איז **דער 'אָטעם' זעלבסט...** פונקט ווי איינער וואָס הערט אויף צו אָטעמען אַפילו אַ קורצע צייט, געפינט זיך באַלד אין 'גן עדן'... אַזוי איינער וואָס הערט אויף צו לערנען.

הגה"צ רבי אליהו לאָפּיאַן זצ"ל, דער משגיח פון דער ישיבה אין כפר חסידים, פלעגט זיך וואונדערן אויף די לאַנגע 'הפסקה' וואָס איז אָנגענומען אין דער ישיבה-וועלט נאָך תפילת שחרית, ביז'ן אָנהייב פונעם 'סדר'. ער האָט געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט פאַרוואָס עס פעלט אויס אַזאַ לאַנגער 'הפסק'. ס'איז דאָך גענוג **פינף מינוט, צו עסן 'פת שחרית'**, און נאָך אַ **פערטל שעה פאַר ברכת המזון**... ישמע חכם ויוסף לקח.

ז. דער מענטש זאָל נישט זאָגן, אַז ס'איז איהם שווער צו זיין אַ ירא שמים, ווייל אויף דעם זאָגט דאָך דער פסוק 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל **מעמך** כי אם ליראה'. דער פסוק זאָגט נישט **'ממך'**, נאָר **'מעמך'**. דאָס איז אַ רמז, אַ **אין יעדן איד** איז דאָ באַהאַלטן יראת שמים. דער באַשעפער פאַרלאַנגט פון דעם מענטש נאָר די יראת שמים וואָס **ער האָט שוין אין זיך** 'כי קרוב אליך הדבר מאד'. ער דאַרף עס נאָר אַרויסברענגען מן הכח אל הפועל.

ח. דער עיקר פון יראת שמים איז זיך צו היטן בקדושה ובטהרה, ספּעציעל אין די ענינים פון שמירת העינים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז דאָס וואָרט **'יראה'** האָט די זעלבע אותיות ווי **'ראיה'**, ווייל דער כח הראיה איז דער 'טויער' און דער שליסל צו אַלע ענינים פון קדושה.

מ'קען זיך בכלל נישט פאָרשטעלן דעם גרויסן נחת רוח וואָס אַ איד איז גורם אין הימל ווען ער היט זיינע אויגן, ווי הרה"ק רבי מאָטל סלאָנימער זי"ע האָט געזאָגט אויף די ווערטער פון די גמרא (תענית כו:) 'לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכיפורים, שבהן בנות ישראל יוצאות וכו' ומה הן אומרות, **בחור שא נא עיניך'** וכו'. האָט הרה"ק רבי מאָטל סלאָנימער געזאָגט, אַז **ס'איז נישט דאָ אַ גרעסערער יום טוב ווי ווען אַ בחור** (אָדער אַ יונגערמאַן...) **פירט זיך בקדושה און ער האַלט שטענדיג אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן, ביז מ'דאַרף איהם זאָגן, 'הייב אויף דיינע אויגן'...**

דער מוציא לאור פון ספר 'חידושי רבי יהושע דוד' (פון הג"ר יהושע דוד ראָזענטאַל זצ"ל, אַ תלמיד פונעם 'חפץ חיים' זי"ע), שרייבט אין די הקדמה צום ספר, אַז ער האָט געהערט פון דעם גאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, בעל 'שבט הלוי', אַז ער האָט געהערט פון דעם מחבר, רבי יהושע דוד, אַז אַמאָל ווען ער האָט זיך געזעגנט פונעם 'חפץ חיים', פאַר'ן אַהיימפאָרן פון ראַדין אַהיים קיין וואַרשע, האָט דער 'חפץ חיים' איהם געזאָגט:

- **זיין אין וואַרשע, און נישט גיין אין וואַרשע, איז אַ 'קרן לעולם הבא'.**

ענליך ברענגט הרב וואָזנער זעלבסט, אין זיין ספר 'דרשות שבט הלוי', אַז ער האָט געהערט פון זיינס אַ חבר וואָס ער האָט געהערט פון דעם 'חפץ חיים' זי"ע, אַז ער האָט איהם געזאָגט: **אויך ווען מ'האַלט זיך צוריק איין מאָל פון גיין אויפ'ן גאַס אין אַ גרויסע שטאָט, ווערט פון דעם אַ 'קרן לעולם הבא'.**

מן הבאר

מ'האָט געזעהן ביי די גרעסטע צדיקים, אַז זיי האָבן מקיים געווען ביי זיך די ווערטער פון חז"ל, 'אל תאמן בעצמך'.

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון בלאָזשובער רב, הרה"ק בעל 'צבי לצדיק' זי"ע, אַז ס'איז געווען אַ צדיק וואָס איז געווען אויסגעטוהן פון אַלע ענייני עולם הזה, און איז אַלע יאָרן געווען פאַרנומען נאָר מיט תורה און עבודה. ער האָט זיך געפירט, אַז אויב ס'איז אַריינגעקומען צו איהם אַ פרוי מיט אַ הזכרה, האָט ער אָנגעצונדן אַ ציגאַרעטל און עס געהאַלטן אין האַנט, כדי ער זאָל געדענקען דעם פייער פון גיהנום וואָס פלאַקערט...

און דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט צוגעגעבן, אַז **היינטיגע צייטן איז נישט גענוג אָנצוצינדן אַ ציגאַרעטל, נאָר מ'דאַרף אָנצינדן גרויסע פייערן...** און אַז דער סאַטמאַרער רב זי"ע האָט בימיו (פופציג-זעכציג יאָר צוריק) אַזוי געזאָגט, 'מה נעני אנן אבתריה'...

הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע האָט געזאָגט, מיר געפינען אַז נאָך דעם ווי הגר איז אַנטלאָפן פון שרה, זאָגט דער פסוק (בראשית טז, ז-ח) 'וימצאה מלאך ה' וגו' ויאמר הגר שפחת שרי'. ווייטער אין די פסוקים (ט-יא) שטייט נאָך דריי מאָל 'ויאמר לה מלאך ה'', און דער מדרש זאָגט אַז פאַר יעדעס מאָל רעדן צו הגר, האָט דער באַשעפער געשיקט צו איר אַן אַנדערן מלאך. קומט אויס, אַז אין סך-הכל האָבן פיר מלאכים זיך באַוויזן צו הגר, און יעדער איינער פון זיי האָט איר געזאָגט אַנדערע ווערטער. דארף מען פארשטיין, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געדאַרפט שיקן פיר מלאכים צו רעדן מיט הגר? ער האָט דאָך געקענט שיקן איין מלאך, ער זאָל איר זאָגן די אַלע ווערטער?

האָט דער 'חידושי הרי"ם' געענטפערט אַ מורא'דיגן תירוץ, אַז **אויך אַ מלאך איז מצווה אויף 'אל תרבה שיחה עם האשה'...** איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר, מענטשן, 'קרוצי חומר', דאַרפן זיך היטן פון יעדן חשש פון אַ דבר עבירה.

דער גאון רבי יצחק דוב קאָפּעלמאַן זצ"ל, ראש ישיבה פון די ישיבה אין לוצערן, שווייץ, האָט געזאָגט: אויף די ווערטער 'לא תנאף', זאָגט דער 'תרגום אונקלוס': 'לא תגוף'. דאָס איז אַ וואָרענונג, אַז מ'זאָל נישט נאָכגיין נאָכ'ן גוף מיט זיינע גליסטונגען...

ט. דער 'עטרת ישועה' זאָגט (פ' פנחס, ד"ה 'או יאמר פנחס'), **די משנה זאָגט** (אבות פ"א, מי"ב) אַז אהרן הכהן איז געווען אַן '**אוהב שלום ורודף שלום**'. לכאורה, איז דאָס אַ דאָפּלט לשון, ווייל 'אוהב שלום' מיינט דאָך די זעלבע זאַך ווי 'רודף שלום'.

זאָגט דער 'עטרת ישועה', 'אוהב שלום' איז כפשוטו, אהרן הכהן האָט ליב געהאַט די מדה פון שלום, אָבער 'רודף שלום' מיינט, אַז ווען עס האָט אַמאָל אויסגעפעלט האָט ער '**גע'רודפ'ט' דעם שלום**, ווייל מיט רשעים טאָר מען נישט לעבן בשלום.

נאָך שרייבט דאָרט דער 'עטרת ישועה', אַז ווען דער 'ערב רב' האָבן געבעטן פון אהרן הכהן ער זאָל מאַכן פאַר זיי דעם עגל, האָט ער זיך מתבונן געווען אַז דאָס וואָס זיי האָבן געהאַט די העזה צו קומען צו איהם מיט אַזאַ בקשה, איז נאָר דערפאַר ווייל ער האָט יעדן איינעם ליב געהאַט, און ער האָט מקרב געווען אַלע אידן. **דעמאָלס האָט ער געגומען אויף זיך, צו זיין צומאָל אויך אַ 'רודף שלום', ווען עס פעלט אויס, דאַרף מען מדחה זיין יענעם, כדי נישט נכשל צו ווערן מיט אַן עבירה ח"ו.**

לויט די ווערטער פונעם 'עטרת ישועה', קען מען טייטשן דעם פסוק (תהלים לד, טו) 'סור מרע ועשה טוב **בקש שלום ורדפהו**'. דער אופן ווי אַזוי אַ איד קען מקיים זיין סיי 'סור מרע', און סיי 'עשה טוב', איז דורך דעם וואָס פון איין זייט, וועט ער זוכן שלום, זיך צו באַהעפטן מיט צדיקים און ערליכע אידן און גוטס טוהן מיט אידישע קינדער, אָבער פון דער צווייטער זייט, דאַרף מען אויך מקיים זיין 'ורדפהו'. ווען עס פעלט אויס, דאַרף מען 'רודפ'ן' דעם שלום, און עס דערווייטערן ווי ווייט מעגליך.

דאָס איז אויך די כוונה פון דעם וואָס מיר בעטן ווען מ'ענדיגט די ברכה פון 'שים שלום', ביים סוף פון תפילת שמונה עשרה: 'ברוב **עוז ושלום**', אַז מ'זאָל זוכה זיין אָנצוהאַלטן ביידע זאַכן אויף איינמאָל. פון איין זייט,

'עוז', צו דערווייטערן יעדן וואָס טויג נישט אַלס אַ חבר פאַר אונז, און פון דער צווייטער זייט, לעבן בשלום מיט יעדן איינעם.

ס'איז באַקאַנט וואָס דער ווישניצער רבי, הרה"ק בעל 'אהבת ישראל' זי"ע (וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט די מדה פון אהבת ישראל), האָט געזאָגט, **מ'דאַרף זיין גוט צו יעדן, אָבער נישט 'מיט' יעדן...**

מיר האָבן געהערט אַ מעשה, אַמאָל שבת פרשת בלק, אין די נאָכמיטאָג-שעה'ן, האָט אַ באַקאַנטער רב געהערט ווען ער איז געקומען אין ביהמ"ד, אַז יענעם טאָג ביי 'מנחה גדולה' האָט פאַסירט אַ שרעקליכע זאַך: ווען מ'האָט געלייענט ביי מנחה, האָט מען געפונען אַ פסול אין די ספר תורה, און מ'האָט עס בלית ברירה צוריק אַריינגעלייגט אין ארון הקודש, און אַרויסגענומען אַן אַנדער ספר תורה צו לייענען דערין, אָבער אויך דער צווייטער ספר האָט געהאַט דעם זעלבן פסול. ערשט דער דריטער ספר וואָס מ'האָט אַרויסגענומען, האָט נישט געהאַט דעם זעלבן טעות, און מ'האָט געלייענט דערין די פרשה פון פנחס, ביז 'שני'. קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט צו זאָגן פאַר דעם רב, וואָס ס'איז געווען דער פסול אין די ספר תורה (בלויז איין 'חכם' האָט באַמערקט ביי מנחה אַז ס'איז פאַרהאַן אַ פסול אין דער ספר תורה).

האָט דער רב געטראַכט ביי זיך, ווי אַזוי איז מעגליך אַז עס זאָל זיין דער **זעלבער פסול אין צוויי ספרי תורה**, וואָס מ'לייענט אין זיי יעדע וואָך? צום סוף האָט דער רב זיך געכאַפּט, אַז ביי מנחה שבת פרשת בלק, לייענט מען פרשת פנחס, און עס שטייט אין דריטן פסוק, 'הנני נותן לו את בריתי **שלום**', וואָס דער אות וא"ו פון וואָרט 'שלום' איז 'קטיעא' - **אָפּגעהאַקט**, און עס זעהט אויס אַזוי ווי אַ יו"ד. די דאָזיגע 'חכמים' האָבן געעפנט די ספר תורה, און געזעהן אַז דער אות וא"ו פונעם וואָרט 'שלום' איז אָפּגעהאַקט, פון דעם האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דער ספר איז פסול... דאָס זעלבע האָט פאַסירט ביי דעם צווייטן ספר, נאָר אין דעם דריטן ספר, איז **באמת געווען אַ טעות**, ווייל דאָרט איז געווען אַריינגעשריבן אַ גאַנצער אות וא"ו אינעם וואָרט 'שלום', האָבן זיי עס געלייענט ווי געהעריג, און נישט געטראָפן אַ פסול... (דער אמת איז, אַז אויב דער אות וא"ו איז נישט אָפּגעהאַקט, איז די ספר תורה אויך כשר, ווי עס ווערט געברענגט אין תשובות רבי עקיבא איגר, פסקים, סימן ע"ה), **ע"כ המעשה.**

פון דעם קענען מיר לערנען, אַז דער מענטש וואָס גייט מיט'ן 'שלום' ביז'ן סוף, פאַר יעדן פרייז, אויך ווען עס איז נישט אויסגעהאַלטן אינגאַנצן על פי תורה, קען נישט פאַרשטיין אַז אַמאָל איז מען מחויב **'אָפּצוהאַקן' דעם שלום**, און נאָר אַזוי וועט זיך האַלטן דאָס שלימות פונעם מענטש ('שלם'). פון דעם קען מען לערנען לגבי דעם ענין פון האָבן שלעכטע חברים, אַז מ'טאָר נישט לעבן בשלום מיט איינעם וואָס ער ברענגט דעם מענטש צו זאַכן וואָס טויגן נישט. מ'דאַרף עס 'אָפּהאַקן', און אין דעם באַשטייט דער אמת'ער 'שלום' על פי תורה.

החסיד המפואר רבי יוסף קנאַבלאָך זצ"ל פון תל אביב, האָט דערציילט אַן עפּיזאָד צו וועלכן ער אַליין איז געווען אַן עד ראי'. אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרצן פאַר הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע, וועגן זיין זון, וואָס איז געווען אַ גרויסער מתמיד און אַ מדקדק בקלה כבחמורה, אָבער לעצטענס זעהט מען ביי איהם אַ שינוי. ער איז געוואָרן 'אָפּגעקילט' פון זיין פריערדיגע יראת שמים. ער האָט אויך אויפגעהערט צו לערנען בהתמדה, און ער גייט נעבעך מטה מטה רח"ל. האָט דער בעלזער רב געהייסן דעם טאַטן פונעם בחור נאָכקוקן **ווער עס זענען די חברים פון זיין זון**, אָבער דער טאַטע האָט נישט געטראָפן עפּעס וואָס טויג נישט ביי די חברים פון זיין זון. אויך דער ראש ישיבה פון דער ישיבה וואו דער זון האָט געלערנט, האָט באַשטעטיגט אַז די חברים פונעם בחור זענען 'אין אָרדענונג'.

איז דער טאַטע פונעם בחור צוריקגעקומען צום בעלזער רב זי"ע, מיט די תשובה פונעם ראש ישיבה, אַז ער זאָגט אַז זיין זון'ס חברים זענען ערליך און פירן זיך פיין. דער בעלזער רב האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט, און געהייסן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, זיך אינטערעסירן איבער די חברים פונעם בחור. צום סוף האָט דער טאַטע אויסגעפונען איבער **איין** שלעכטן חבר, וואָס אויסערליך מאַכט ער אַ רושם פון אַ 'וואוילן בחור', אָבער ליידער איז ער אַדורכגעפוילט אינערליך. איז דער טאַטע פונעם בחור צוריקגעקומען צום בעלזער רב, איבערצוגעבן וואָס ער האָט אויסגעפונען. האָט מען זיי צעטיילט, און דער זון איז טאַקע צוריק אַרויף על דרך המלך. ער האָט זיך צוריק גענומען צום לערנען, און זיך אויך פאַרבעסערט אין יראת שמים, אַזוי ווי פריער. האָט דער בעלזער רב געזאָגט:

- ווען מיר זענען מתפלל יעדע צופרי ביי תפילת שחרית, ניצול צו ווערן פון שלעכטע חברים, זאָגן מיר אַ דאָפּלטן לשון, והרחקינו **'מאדם רע'** - אַ שלעכטן מענטש, **'ומחבר רע'** - און אויך פון אַ שלעכטן חבר. דאָס זעלבע חזר'ן

זאָגט הרה"ק רבי ברוכ'ל פון מעזיבוזש זי"ע (געברענגט אין 'אמרי קודש', להרה"ק מהר"ש מבעלזא זי"ע), די גמרא זאָגט (ב"מ צד:) אַז ס'זענען דאָ פיר שומרים: 'שומר חנם', 'שואל', 'נושא שכר', און 'שוכר'. דער האַרבסטער פון אַלע פיר שומרים, איז דער דין פונעם 'שואל'. ער איז מחויב צו היטן דעם חפץ מיט די שטאַרקסטע שמירה, און ער דאַרף באַצאָלן אויך אויב עס געשעהט עפעס צו דעם חפץ אלס אַן 'אונס', ווייל 'כל הנאה שלו' - די גאַנצע הנאה פון די שמירה איז זיינע (ער קען זיך באַנוצן מיט דעם חפץ וואָס ער האָט געבאָרגט, און ער דאַרף נישט צאָלן דערפאַר). וועגן דעם איז ער מחויב צו באַצאָלן אַפילו אויב עס געשעעט מיט דעם חפץ אַן 'אונס'.

דאָס איז די כוונה פון פסוק: 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך'. ווען איז דער אויבערשטער כביכול אַזוי ווי אַ 'שואל' לגבי דעם מענטש? 'כי אם ליראה את ה' אלוקיך' - דורך יראת שמים, ווערט דער אויבערשטער כביכול אַזוי ווי אַ 'שואל', און ער איז מחויב אונז אָפּצוהיטן פון אַלעם בייזן, פון יעדן היזק, אפילו פון "אונסים", ווייל 'כל הנאה שלו'. ווען אַ איד שטאַרקט זיך מיט יראת שמים, פאַרשאַפט ער דעם גרעסטן נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, און פאַר די דאָזיגע 'הנאה', איז דער באַשעפער כביכול מחויב צו באַצאָלן, אַפילו ביי 'אונסין'. דער אויבערשטער דאַרף אָפּהיטן דעם מענטש אַז ער זאָל נישט האָבן קיין שום צער און שוועריגקייט פון יעדן סאָרט, ע"כ.

נישט נאָר טוט דער אויבערשטער אָפּהיטן דעם ירא שמים פון אַלעם בייזן, נאָר ער איז משפיע אויף איהם אַלעם גוטס', אַזוי ווי עס שטייט אין 'דעת זקנים מבעלי התוספות', אויף דעם פסוק 'מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך' וגו', וואָס

מיר איבער צוויי מאָהל אין 'יהי רצון', 'שתצילנו היום ובכל יום מאדם רע ומחבר רע'. פאַרוואָס בעטן מיר אויף דעם באַלד אינדערפרי, פיר מאָל? נאָר פון דעם זעהען מיר, אַז **אויף אַ 'גוטן חבר', דאַרף מען בעטן און בעטן, נאָך און נאָך...**

מיר האָבן שוין אַמאָל נאָכגעזאָגט, אַז אַ בחור וואָס האָט געלערנט אין די ישיבה פון הרה"ק בעל 'קדושת ציון' מבאָבוב זי"ע הי"ד, האָט זיך אָנגעהויבן חבר'ן מיט צווייפלהאַפטיגע חברים, און ער איז ליידער שטאַרק געפאַלן ברוחניות. האָט דער 'קדושת ציון' איהם אַריינגערופן און געפרעגט, אויב ער ווייסט דעם טייטש פון דעם וואָרט **'ותמגר'** (וואָס מיר זאָגן ביי די שמונה עשרה אין די ברכה פון 'ולמלשינים'). האָט דער בחור נישט געוואוסט צו זאָגן דעם טייטש פון דעם וואָרט. האָט דער 'קדושת ציון' איהם געזאָגט:

- אויך איך האָב נישט געוואוסט דעם טייטש פון דעם וואָרט, אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז עס 'שמעקט' נישט גוט... ווייל איך האָב זיך אומגעקוקט ווער עס זענען זיינע 'שכנים', און איך האָב געזעהן אַז זיי טויגן נישט... פאַר דעם וואָרט 'ותמגר', זאָגן מיר 'תעקר ותשבר', און דערנאָך שטייט 'ותכלם ותשפילם'. ה' ישמרינו פון זיי אַלע...

דערמיט האָט דער באָבוב'ער רב זי"ע געוואָלט מרמז זיין פאַר דעם בחור, ער זאָל זעהן וואָס פריער אויסצורייסן און צו צעברעכן זיינע 'פאַרבינדונגען' מיט די אַלע 'ידידים'.

עס ווערט געברענגט (אין ספר 'זקניך ויאמרו לך'), אַז אַ איד האָט אַמאָל געפרעגט הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע, אויב מ'קען באַצייכענען די אַלע אידן וואָס זענען אומגעקומען אין די ביטערע תקופה פון די צווייטע וועלט מלחמה, אַלס דקדושים', וויבאַלד זיי זענען אומגעקומען אויף קידוש השם. האָט דער רבי געענטפערט:

- אויסגיין אויף קידוש השם איז 'קדשים', אָבער אויפציען אַן ערליכע אידישע היים מיט קינדער, איז קודש קדשים!

י. כ"ק אדמו"ר מסקולען שליט"א פון מאָנסי דערציילט, אַז אַ איד האָט אַמאָל געבעטן זיין טאַטן, דער סקולענער רבי הרה"ק בעל 'מאור ישראל' זי"ע, ער זאָל איהם זאָגן אַ סגולה פאַר פרנסה. נאָך דעם ווי דער סקולענער רבי האָט באַטראַכט דעם איד, האָט ער געזעהן אַז ער דאַרף האָבן גרויס חיזוק אין יראת שמים. האָט ער איהם געהייסן זאָגן יעדן טאָג די פרשה פון יראה (אין דער היינטיגער סדרה, 'ועתה ישראל' וגו'). האָבן די משמשים געמיינט אַז דער רבי האָט אפשר נישט פאַרשטאַנען וואָס דער איד האָט געזאָגט, אַז ער בעט אַ סגולה פאַר פרנסה, אָדער אפשר האָט זיך ביים רבי'ן אין קאָפּ פאַרטוישט די פרשה פון יראה, מיט די פרשה פון מן... האָט יענער געזאָגט, 'רבי, איך האָב געבעטן אַ סגולה אויף פרנסה, נישט אויף יראת שמים'... האָט דער סקולענער רבי איהם געזאָגט:

די גמרא פרעגט אויף דעם (ברכות לג:) 'אטו יראה מילתא זוטרתא היא' - איז דען יראת שמים אַזאַ 'קליינגקייט', וואָס די תורה באַצייכנט עס אַלס 'מה'?

זאָגן די בעלי התוספות, אַז מ'קען זאָגן אַז דער פסוק באַציט זיך צו דעם קומענדיגן פסוק, 'לשמור את מצוות ה' וגו' לטוב לך'. דער אויבערשטער בעט פונעם מענטש ער זאָל זיין אַ ירא שמים, נאָר פאַר זיין אייגענעם טובה, 'לטוב לך' - עס זאָל איהם זיין גוט, און ער כדי ער זאָל געבן אַ גרעסערן שכר פאַר'ן מענטש, ע"כ.

דאָס איז דער גאַנצער תכלית פון דעם וואס דער אויבערשטער בעט פון אונז און דער ציווי אויף יראת שמים, נאָר פאַר אונזער אייגענע טובה, כדי דער אויבערשטער זאָל אונז קענען צאָלן אַ גרעסערן שכר. יראת שמים איז די 'כלי מחזיק ברכה' פאַר דעם שכר[יא].

אויף דעם דערמאנטן פסוק 'ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך', זאָגט דער 'ברית אברם', דאָס וואָרט 'שואל', קען מען דרש'ענען אויף פריער אינעם פסוק, און אויף שפעטער. עס קען זיך לייענען 'מה ה' אלוקיך שואל', און עס קען זיך לייענען 'שואל מעמך ליראה'. דאָס מיינט, דו זאָלסט אַליין פאַרלאַנגען פון זיך יראת שמים. דו זאָלסט בעטן דעם באַשעפער, 'יחד לבבי ליראה שמך'[יב]. העלף מיר און ראַטעווע מיך פונעם יצר הרע[יג]. דאַן וועט דער אויבערשטער אַוודאי ענטפערן דיין תפילה[יד].

- דוד המלך ע"ה זאָגט (תהלים קיא, ה) 'טרף נתן ליראיו'. אין דעם פסוק איז פאַרהאַן אַ פשוט'ע 'סגולה' פאַר פרנסה, נישט אַן עצה אָדער אַ ברכה, נאָר אַ סגולה... דער וואָס זאָגט 'פרשת היראה', איז זוכה קונה צו זיין יראת שמים, און וויבאַלד דער פסוק זאָגט 'טרף נתן ליראיו', איז משמע פון דעם, אַז **דער וואָס איז קונה יראת שמים במדה גדושה, גיט איהם דער אויבערשטער פרנסה בריווח.**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'בעל שם טוב' (פ' לך, אות ג) וואָס הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע שרייבט (אין זיין ספר 'בן פורת יוסף', דף כז:) אַז ער האָט געהערט פון זיין רבי'ן דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, אין נאָמען פון רבינו סעדיה גאון, אַז **דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט, כדי צו צוברעכן זיינע נאַטירליכע שלעכטע מדות.**

יא. דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק, שרייבט אין 'נועם אלימלך' (פרשתינו) **דער אויבערשטער ברוך הוא האָט באַשאַפן די וועלט, נאָר כדי צו טוהן גוטס מיט זיינע באַשעפענישן**, אָבער צו דעם דאַרף מען האָבן אַ 'כלי' וואָס איז ראוי און מוכשר אָנצונעמען די טובה, אַזוי ווי ווען אַ מענטש וויל שיקן צו זיין חבר ווייִן אָדער האָניג, אָבער ער האָט נישט אַ שיינע כלי וואו אַריינצוגיסן דעם ווייִן אָדער דעם האָניג, באָרגט ער פון יענעם (וועמען ער וויל שיקן דעם ווייִן אָדער האָניג) אַ שיינע זילבערנע כלי, און ער גיסט דאָרט אַריין דעם ווייִן אָדער האָניג וואָס ער וויל איהם שיקן.

דער נמשל איז, דער מענטש איז אַ כלי מקבל צו זיין די ברכה. דער הכשר און דער תיקון פון די כלי (דאָס הייסט, פון דעם מענטש אַליין) איז יראה און אהבה, און דאָס מקיים זיין אַלע מצוות פון די תורה. **דורך קיום התורה והמצוות, ווערט דער מענטש אַ שיינע כלי, און דער אויבערשטער כביכול באָרגט די דאָזיגע כלי, און פילט עס אָן מיט אַלעם גוטן.**

דאָס איז די כוונה פון פסוק 'מה ה' אלוקיך **שואל** מעמך'. דאָס מיינט, ווען טוט דער אויבערשטער כביכול 'באָרגן' עפעס וואָס דער מענטש האָט? דאָס הייסט, זיין כלי, כדי עס אָנצופילן מיט שפע און ברכה. **'כי אם ליראה'** - דעמאָלס ווערט דער מענטש אַ שיינע כלי וואָס איז מוכשר צו באַקומען די שפע, און דער אויבערשטער באָרגט פון איהם זיין 'כלי'. דאָס הייסט, זיך אַליין, כדי איהם גוטס צו טוהן, און אַז דורך איהם זאָלן קומען גוטע השפעות אויך פאַר אַלע אידן.

יב. מיר קענען זיך נישט פאָרשטעלן ווי ווייט עס איז באַליבט ביי דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווען אַ איד שרייט אויס פון טיפן האַרץ אַז ער וויל דינען דעם אויבערשטען ברוך הוא, און ער בעט זיך מיט זיין גאַנצן האַרץ און נשמה, געראַטעוועט צו ווערן פון דער נעץ פונעם יצר הרע, ווי דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'דברי שמואל' זי"ע, זאָגט (פרשת שמות, ד"ה 'ותעל') אויפ'ן פסוק (שמות ב, כג) 'ותעל שועתם אל האלוקים מן העבודה', אַז **ווען אַ איד שרייט צו דעם אויבערשטען פון טיפן האַרצן איבער די שווערע נסיונות וואָס ער ליידט פון דעם יצר הרע, איז עס ביי דעם אויבערשטען נאָך מער חשוב ווי די עבודה זעלבסט!**

דער סאָכאַטשאָווער רבי, הרה"ק בעל 'אבני נזר' זי"ע, איז אַלס יונגערמאַן געזעסן אויף דעם כסא הרבנות אין דער שטאָט פּאַרציווע, אין פּוילן. איינמאָל האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער האָט נישט דאָרט מיט וועמען צו שמועסן חסידות. האָט דער 'חידושי הרי"ם' איהם געזאָגט: די גמרא זאָגט (יומא עה.) אויף דעם פסוק (משלי יב, כה) 'דאגה בלב איש ישיחנה', אַז עס מיינט 'ישיחנה לאחרים'. דאָס הייסט, ווען דער מענטש דערציילט פאַר אַנדערע מענטשן וועגן זיין דאגה, ווערט די זאָרג אָפּגעשוואַכט, ביז עס ווערט פאַרשווינדן אינגאַנצן פונעם מענטש. דעריבער דעם **זאָל ער זיך נישט אויסרעדן פאַר קיינעם** (וועגן דעם אַז ער האָט נישט מיט וועמען צו שמועסן חסידות), כדי **די 'דאגה' איבער דעם זאָל נישט 'אָפּגעשוואַכט' ווערן...** אַזאַ 'דאגה' איז גוט עס זאָל ביי איהם בלייבן, און ווייטער כסדר איהם נאָגן... (געברענגט אין ספר 'אביר הרועים', ח"ב, אות שיח).

יג. דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע זאָגט אויף דעם פסוק (דברים כו, ז) 'ונצעק את ה' אלוקי אבותינו'. אַז דער פסוק איז דאָ מרמז, **אַז מען דאַרף יעדן טאָג מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען, אַז ער זאָל איהם ראַטעווען פונעם יצר הרע.** ס'איז אָבער נישט גענוג בלויז מתפלל צו זיין דערויף, נאָר **עס דאַרף זיין אויף אַן אופן פון 'ונצעק'...** צו שרייען פון טיפן האַרץ, אַז דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרימען אויף איהם, ער זאָל נישט אַריינפאַלן ח"ו אין שאול תחתיות רח"ל...

מ'קען עס בעסער ערקלערן, ווייל באמת, קען דאָך נישט דער מענטש זיך אַליין ראַטעווען פונעם יצר הרע, ווייל דער יצר הרע איז דאָך אַסאַך שטאַרקער פון איהם, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (סוכה נב:) 'יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום וכו', ואלמלא הקדוש ברוך הוא שעוזר לו, אינו יכול לו'. אויב אַזוי, וואָס איז די טענה אויפ'ן מענטש אַז ער האָט נישט באַוויזן בייצושטיין די שווערע נסיונות פונעם יצר הרע?

נאָר וואָס דען, **דער מענטש האָט דאָך געהאַט אין זיינע הענט אַ וואָפן וואָס ער האָט זיך נישט באַנוצט דערמיט, ווייל ער האָט געקענט שרייען צו דעם אויבערשטען, ער זאָל איהם ראַטעווען פון אַריינפאַלן אין די הענט פונעם יצר הרע, און דאָס איז די טענה קעגן דעם מענטש, פאַרוואָס האָט ער טאַקע נישט געבעהטן דערויף...**

די גמרא זאָגט (סוטה ג.) 'אין אדם חוטא, אלא אם כן נכנס בו רוח שטות'. לכאורה איז שווער, אויב אַזוי, קען דאָך יעדער מענטש זיך באַפרייען פון דעם עונש פון די עבירה, מיט די טענה אַז ער איז געווען אַן 'אונס', ווייל וואָס איז ער שולדיג אַז עס איז אַריין אין איהם אַ 'רוח שטות', און וואָס האָט ער דען געקענט טוהן? [נאָך מער, מיר ווייסן דאָך אַז אַ שוטה איז פּטור פון קיום המצוות...]. נאָר די הויפּט טענה צו דעם מענטש איז, **פאַרוואָס ער האָט נישט געבעטן דעם אויבערשטען אַז עס זאָל טאַקע נישט אַריינקומען אין איהם יענער 'רוח שטות'...** אלא מאי איז משמע, אַז ס'איז נישט אַזוי שטאַרק קעגן זיין רצון...

מן הבאר

דער מעלבאָרנער רב, הגאון רבי אלימלך אשכנזי זצ"ל, האָט דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזעהן ווען דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע פלעגט זאָגן ברכות השחר אין אַ וואָכן-טאָג, און ער איז אָנגעקומען צו די בקשה 'ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועון', **האָט ער זיך געבעטן ביי דעם אויבערשטען מיט בכיות און בקשות, אַזוי ווי אַ קינד בעט זיך ביי זיין טאַטן ער זאָל איהם עפּעס געבן.**

ענליך האָט געזאָגט הגה"ח רבי אליעזר דוד פריעדמאַן זצ"ל, אַז ער האָט געהערט פון זיין טאַטן, אַז ער איז אַמאָל געווען ביים פריערדיגן בעלזער רב הרה"ק מהרי"ד זי"ע, און ער האָט אויפגעפּאַסט אַז **די גרעסטע התעוררות וואָס מ'האָט געזעהן ביים בעלזער רב איז געווען, ווען ער האָט געזאָגט די ווערטער 'ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועון, ולא לידי נסיון'...**

ענליך פלעגט כ"ק אאמו"ר מלעלוב זצ"ל דערציילן, אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען זעהן ווי הרה"ק מסאַטמאר זי"ע דאַווענט. **ס'איז געווען צום שטוינען ממש, זיך צוצוקוקן צו די סצענע ווי אַן עלטערע איד שטייט און בעט זיך ביי דעם אויבערשטען, פאַרגיסנדיג הייסע טרערן, 'ואל תביאנו לא לידי חטא ולא לידי עבירה ועון, ולא לידי נסיון, ולא לידי בזיון'...**

יד. מיט דעם זאָגט ער אַ כוונה אין די פסוקים (תהלים קמה, יח-יט) 'קרוב ה' לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת, רצון יראיו יעשה'. דער אויבערשטער איז נאָנט צו יעדן איינעם וואָס רופט איהם, און בעט זיך ביי איהם ער

דאָס איז אויך די כוונה פונעם פסוק (דברים ל, יד) 'כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ולבבך לעשותו'. דו ביזט אימשטאַנד צו בעטן מיט דיין מויל, פון דעם באַשעפער, אַז דו זאָלסט זוכה זיין עס זאָל זיין 'ובלבבך לעשותו'.

דער עצם רצון פון אַ איד צו זיין אַ ירא שמים, איז שוין אויך אין כלל פון 'יראת שמים', ווי דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"ג קס.) אויף דעם פסוק (במדבר יד, ח) 'אם חפץ בנו ה'', 'לא בעי מינן אלא ליבא'. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון אונז נאָר איין זאַך: אַז מיר זאָלן וועלן איהם דינען מיט'ן גאַנצן האַרץ.

אַזוי שרייבט דער גאון בעל 'חתם סופר' זצ"ל (פרשתינו, ד"ה 'ואמרת'), אַוודאי איז יראת שמים פון הימל. אָן די הילף פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, קען מען נישט צוקומען אַפילו צו אַ טויזנטסטל חלק פון די אמת'ע מורא פאַר דעם באַשעפער, אויסער די קליינע צאָל מענטשן וואָס דאַרפן נישט אָנקומען צו הילף אויף יראת שמים, אַזוי ווי די אבות הקדושים, משה רבינו ע"ה, און זייערס גלייכן, אָבער אויסער זיי, דאַרף יעדער איד אָנקומען צו די הילף פון באַשעפער צו זיין אַ ירא שמים, ווי מיר זעהען וויפיל תפילות דוד המלך ע"ה האָט מתפלל געווען דערויף אין 'תמניא אפי' (קאַפּיטל קי"ט פון תהלים). **אָבער** דאָס וואָס ס'איז נישט געוואָנדן אין הימל [וואָס דאָס אַליין איז פונעם מענטש], איז די בחירה אין האַרץ, אַז דער מענטש זאָל האָבן השתוקקות און גליסטן צו זיין אַן עובד ה', און מתפלל זיין דערויף[טו]. די דאָזיגע השתוקקות אַליין, איז נישט בידי שמים, נאָר עס ווענדעט זיך אין די בחירה פונעם מענטש. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (לעיל ה, כו) 'מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי'. ער זאָגט נישט 'מי יתן ויראו אותי', ווייל אויך די יראה זעלבסט איז נישט אין זייערע הענט, נאָר די גליסטונג אין זייער האַרץ מורא צו האָבן פון דעם באַשעפער - 'מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי', עכ"ל.

דער באַשעפער זאָל העלפן, מיר זאָלן זוכה זיין דערנענטערט צו ווערן צו איהם, ללכת בדרכיו וליראה אותו, און מיר זאָלן זוכה זיין צו אַלע גוטע ברכות און השפעות, און די גאולה שלימה במהרה.

זאָל זוכה זיין צו רופן דעם באַשעפער מיט אַן אמת. 'רצון יראיו יעשה' - דער אויבערשטער געבט פאַר די וואָס האָבן מורא פון איהם, אַז זיי זאָלן וועלן טוהן דעם רצון פונעם באַשעפער.

אַזוי האָט דער קאָצקער רבי זי"ע געטייטשט ('אהל תורה', פרשתינו), די ווערטער פון חז"ל 'הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים' (ברכות לג:). די כוונה דערפון איז, ביי אַלע ענינים פון עולם הזה, אויב דער מענטש בעט פון דעם אויבערשטען אַז ער גליסט דערצו, ווענדעט זיך עס אין דעם אויבערשטען צי ער זאָל הערן זיין תפילה, אָדער נישט. אָבער די תפילה אויף יראת שמים, איז נישט ביי דעם אויבערשטען אין די הענט. ממילא, איז דער אויבערשטער כביכול מחויב צו הערן זיין תפילה.

אַזוי האָט געזאָגט דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל (ספר 'מכתב מאליהו', ח"ד), אויף די ווערטער פון חז"ל (ב"מ נט.) אַז נאָך דעם חורבן פון בית המקדש זענען די טויערן פון תפילה פאַרשפאַרט. פונדעסטוועגן, **איז דאָ איין תפילה וואָס ווערט אייביג געענטפערט. דאָס איז די תפילה וואָס מ'בעט אויף סייעתא דשמיא ברוחניות.**

אַזוי שרייבט אויך דער 'ספר חסידים' (סי' קל"א) אַז אויב דער מענטש בעט אַ זאַך וואָס איז אַ שבח פאַר דעם אויבערשטען, צום ביישפיל, אויף הצלחה אין לימוד התורה, אָדער אַן אַנדערע רוחניות'דיגע בקשה, און ער גיסט זיך אויס דאָס האַרץ דערויף, טוט דער אויבערשטער אויסהערן זיין תפילה, **כאָטש ער האָט נישט גענוג מעשים טובים.**

ענליכע ווערטער שרייבט אויך דער 'כלי יקר' (דברים ג, כג) אַז דער מענטש וואָס בעט פון דעם אויבערשטען ער זאָל קענען טוהן מצוות און מעשים טובים, 'זה דבר אמיתי, ששורת הדין נותן שימלא ה' משאלות לבו' - איז אמת אַז אויך מדת הדין איז מסכים אַז דער אויבערשטער זאָל ערפילן אַלעס וואָס ער פאַרלאַנגט, ווייל ער וויל דאָך נאָר דאָס וואָס דער אויבערשטער וויל.

טו. אַזוי שרייבט דער מהרש"א (חידושי אגדות, ברכות י.) אַז **דער וואָס בעט ער זאָל זוכה זיין תשובה צו טוהן, איז ער אין כלל פון אַ 'רוצה לטהר'.**

ושמרתם את כל המצוה אשר אנכי מצוך היום

הגה"צ רבי יאַנקעלע גאַלינסקי זצ"ל האָט דערציילט פון זיינע בחור'ישע יאָרן, ווען ער האָט געלערנט אין דער נאוואַרדאקער ישיבה. פאַר די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, ווען עס האָט זיך שוין איבעראל געשפּירט אין דער לופט דער ריח פון די שרעקליכע מלחמה, איז אויך די פינאַנציעלע לאַגע שוין איבעראל געווען זייער שווער, אַז מ'האָט ממש נישט געהאַט קיין ברויט צו עסן.

די ישיבה האָט געהאַט אַן אָפּמאַך מיט אַ אידישן בעקער אין שטאָט, אַז יעדעס מאָל ווען די בחורים וועלן דאַרפן האָבן ברויט צו עסן, וועט דער בעקער עס אָפּבאַקן פאַר זיי און צושטעלן פאַר די ישיבה. איינמאָל האָט אין יענע פאַר-מלחמה טעג געהערשט אין ישיבה אַ מאַנגל אין ברויט, אָבער די בחורים האָבן מורא געהאַט צו גיין צום בעקער נעמען ברויט, ווייל די ישיבה האָט זיך געפינען אויף די הויפּט-גאַס פון נאַוואַרדאק, און מ'האָט געדאַרפט אַדורכגיין די הויפּט-גאַס, פון וואו מ'האָט זיך דערנאָך געדאַרפט אַריינדרייען אין אַ זייטיג געסל, וואו עס האָט זיך געפונען די בעקעריי. זייענדיג זייער הונגעריג, האָבן די בחורים גע'פּועל'ט ביי רבי יאַנקעלע גאַלינסקי, אַז ער זאָל זיין דער שליח צו ברענגען ברויט פונעם בעקער, ווייל ער איז דאָך געווען נידעריג, זענען דאָ גרעסערע שאַנסן אַז די אָרטיגע רשעות'דיגע גוים זאָלן איהם נישט באַמערקן.

בלית ברירה, האָט רבי יאַנקעלע זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן גאַס, און אָט האָט ער געזעהן אַ ריזיגן המון פון פּוילישע גוים וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין צענטער פון שטאָט. אויף זיין פראַגע צו איינעם פון די גוים וואָס עס האָט פּאַסירט, צי קומט פאָר אַ 'דעמאָנסטראַציע' א.ד.ג. האָט מען איהם באַלד שטיל געמאַכט און געזאָגט, אַז דער דייטשער רשע ימ"ש האָט געמאָלדן דעם פאַרלאַנג פון זיין מדינה, דייטשלאַנד, וואָס פאָדערט פון דער פּוילישער רעגירונג אומצוקערן צו זיי די וויכטיגע פּאָרט-שטאָט דאַנציג, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דייטשלאַנד (און ס'איז נאָך אַלץ געווען אַרומגענומען פון אַלע זייטן, מיט שטעט וואָס האָבן שוין באַלאַנגט צו דייטשלאַנד). יעצט קומט זיך צוזאַמען דאָס גאַנצע פאָלק אין אַלע שטעט, צו הערן דעם ענטפער פון פּוילישן פּרעזידענט, וואָס ער האָט צו זאָגן אויף די פאָדערונג פון דייטשן קאַנצלער ימ"ש.

האָט רבי יאַנקעלע גאַלינסקי שוין נישט געוואַגט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, כאָטש ער האָט געציטערט פאַר זיין לעבן. ער האָט אָבער מער מורא געהאַט אַוועקצוגיין פון דאָרט, כדי די גוים זאָלן נישט מאַכן אויף איהם אַ בלבול אַז ער איז אַ 'פאַררעטער' פון דער פּוילישער מלוכה.

און אָט האָט רבי יאַנקעלע געהערט ווי דער פּוילישער פּרעזידענט ענטפערט אויפ'ן דייטשן פאַרלאַנג, מיט קורצע ווערטער: 'ער (דער דייטשער רשע) זאָגט אַז ער וויל האָבן דאַנציג... מילא, אויב ער וואָלט געפאָדערט נאָר די שטאָט דאַנציג, וואָלט איך עס איהם צוריקגעגעבן, כדי מיר זאָלן האָבן מנוחה פון איהם, און עס זאָל נישט אויסברעכן אַ מלחמה. איך ווייס דאָך אָבער אַז ער מיינט נישט צו פאָדערן דאַנציג, ער

וויל האָבן וואַרשע... און וואַרשע איז דאָך די הויפּטשטאָט פון אונזער לאַנד, פּוילן, און פאַר אונזער הויפּטשטאָט וועלן מיר קעמפן ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט... און אַז עס האַנדלט זיך דאָ שוין וועגן וואַרשע, וועלן מיר שוין מיט דער זעלבער מסירות נפש קעמפן אויך פאַר דאַנציג... ווייל אויב מיר וועלן זיך אונטערגעבן און אָפּגעבן דאַנציג, וועלן די דייטשן פאָדערן פון אונז נאָך און נאָך שטעט, ביז זיי וועלן אָנקומען צו די הויפּטשטאָט וואַרשע. ממילא, האָבן מיר נישט קיין אַנדערע עצה, נאָר זיך צו האַלטן פעסט קעגן זייערע פאָדערונגען, און מלחמה האַלטן מיט זיי!'.

דאַן איז דער גאַנצער המון זיך צעגאַנגען, ווייל אַלע האָבן פאַרשטאַנען אַז דער פּרעזידענט פונעם לאַנד האָט דאָ געמאַכט אַן אָפענע מלחמה-דעקלאַראַציע קעגן דייטשלאַנד. אַלע האָבן דעריבער פאַרמאַכט זייערע געשעפטן - אויך די אידישע בעקריי אין נאַוואַרדאָק.

אַזוי איז רבי יאַנקעלע גאַלינסקי צוריקגעקומען אין ישיבה מיט ליידיגע הענט. די בחורים האָבן איהם אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, מיט די פראַגע: וואו איז דאָס ברויט?... וואו ביזטו פאַרשוואונדן אַזאַ לאַנגע צייט?... האָט רבי יאַנקעלע זיי געענטפערט:

- כ'בין געגאַנגען הערן אַ 'מוסר-שמועס' פונעם פּרעזידענט...

די בחורים האָבן נישט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער. האָט רבי יאַנקעלע זיי ערקלערט דעם מצב ווי עס זעהט אויס יעצט אין לאַנד, און ער האָט זיי אויך ערקלערט וואָס פאַראַ 'מוסר-שמועס' ער האָט דאָ אַרויסגענומען פון די רעדע פון פּוילישן פּרעזידענט. ער האָט אַראָפּגעלערנט דערפון אַ מוסר, אַז **דאָס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע. ער רעדט וועגן 'דאַנציג', אָבער ער מיינט 'וואַרשע'**. ער זאָגט נישט צום מענטש, לערן נישט אָדער דאַווען נישט. ער זוכט נאָר אַ קליין טירל, אַ איד זאָל ח"ו עובר זיין אויף אַ לייכטן גדר און סייג. דו קענסט מקיל זיין אויף אַ געוויסן ענין, אָבער ער ווייסט אַז פון דאָרט וועט דער וועג שוין זיין אינגאַנצן אָפּען דיך אַראָפּצופירן פון אידישן וועג, חלילה.

לענינינו, איז דאָס זעלבע אין די יעצטיגע זומער טעג און 'בין הזמנים' טעג. דער יצר הרע זאָגט צו דעם מענטש, אַ גאַנץ יאָר פּירסטו זיך אַזוי און אַזוי. יעצט, כאַפּ אַ שטיקל בליק צו קוקן דאָרט וואו מ'טאָר נישט. זאָג אַ פּאָר לשון הרע ווערטער. דו זאָלסט אָבער וויסן, אַז **דער יצר הרע מיינט נישט דווקא דאָס. ער וויל אַוועקנעמען פון דיר די גאַנצע 'הויפּטשטאָט'** - נישט נאָר די גרעניץ-שטעט... ער פאַרלאַנגט יעצט נאָר איין 'בליק', אָדער איין 'קולא', אָבער **ער מיינט באמת דאָס גאַנצע יאָר**, אויסצולייידיגן דעם מענטש ח"ו פון יעדן פונק פון אידישקייט. דאַרף יעדער איינער פון אונז זיין אַ 'חכם הרואה את הנולד', און **שטיין אויף דער וואַך מיט אַלע כוחות** נישט צו געבן אַ 'טיר' פאַר דעם יצר הרע, ער זאָל זיך קענען אַריינכאַפּן און אינגאַנצן פאַרפירן דעם מענטש פון אידישן וועג חלילה. אויב דו וועסט זיך יעצט אָנשטרענגען אַביסל, וועסטו דיר שפּעטער איינשפּאָרן אַ פיל שווערערע מלחמה.